גוט שבת אלע אידן. ר׳ חיים זאלצבערג (נישט נישט עכטע נאמען) האט געהאט א פרוי וואס איז נישט געזונט געווען פאר א לאנגע צייט, ל״ע. ר׳ חיים וואס איז א חסידישער איד, האט פארברענגט חדשים נעבאך מיט זיין פרוי אין דעם ״מעמאריעל שפיטאל״ אין מאנהאטען. ר׳ חיים איז געווען שבת און ימים טובים אין שפיטאל פאר א לאנגע צייט.

ביקור חולים האט אים אסאך געהאלפן מיט עסן און שלאפן וכו׳. אבער ווען עס איז געקומען חנוכה, האט ר׳ חיים געהאט א פראבלעם. דער שפיטאל האט בשום אופן נישט געוואלט לאזן ר׳ חיים צינדען לעכט אין שפיטאל ווייל די פייער וועט זיין א סכנה וכו׳. ווען עס איז געקומען חנוכה, האט ר׳ חיים׳ס קינדער אים געשיקט זיין זילבענע כותל מנורה, אבער ער האט נאכאלץ נישט געוואוסט וואו ער וועט עס צינדען.

סוף כל סוף איז עס אים איינגעפאלן א פלאן. ער וועט צינדען זיין מנורה אין א קעסטל לעבן דעם אריינגאנג פונעם שפיטאל. די ערשטע נאכט חנוכה איז ער טאקע אראפגעגאנגען צום דעם פלאץ לעבן דעם אריינגאנג. ער האט געמאכט די דריי ברכות און דאן האט ער אנגעהויבן צו זאגן די נוסח אזוי ווי עס ווערט געדריקט און דעם ״זאגער.״

ווען ער איז אנגעקומען צו ״מעוז צור,״ האט ער געשפירט א מוראדיגע התעוררות. ער האט אנגעהויבן צו זינגען הויך, דארט אויפן גאס אין מאנהאטען! נאכדעם וואס ער האט געענדיגט ״מעוז צור״ האט ער געזינגען נאך און נאך חנוכה זמירות, אפילו ניגונים פון זיינע יונגע יארן.

נאכדעם וואס ער האט געענדיגט בערך א שעה שפעטער, האט ער ארומגעקוקט צו זען א מוראדיגע זאך: הינטער אים זענען געשטאנען בערך 100 מענטשן פרייע אידן און להבדיל גוים צוזאמען. אפילו די גוים האבן דעמאלט געקענט זען אז די שכינה האט שורה געווען אויף דעם חסידישער איד בשעת ער האט זיך געפרייט מיט דער שמחה של מצוה פון חנוכה לעכט.

יעדע נאכט פון חנוכה דערנאך, האבן זיך פארזאמעלט א גרויסע גרופע מענטשן צו זען ווי ר׳ חיים האט געצינדען זיין מנורה אין דרויסן. (און ער איז אפילו נישט געווען קיין ליובאוויטשער!) די לעצטע נאכט חנוכה איז אויסגעפאלן פרייטאג צונאכטס. ר׳ חיים איז אראפגעקומען מיט זיין שטריימל און בעקאישע און ער האט אנגעפאנגען צוגרייטן זיינע לעכט אין דעם קעסטל לעבען דעם אריינגאנג. פונקט דעמאלט איז צוגעקומען צו ר׳ חיים דער ״שומר״ וואס איז געשטאנען יעדען טאג ביים אריינגאנג פונעם שפיטאל.

דער שומר האט געבעטען פון ר׳ חיים אז ער זאל נישט צינדען די לעכט דארט וואו ער האט צוגרייט, ווייל עס וועט פארשטעלן דעם אריינגאנג וכו׳. ווייל שבת אין זונטאג זענען געקומען צום שפיטאל אסאך מער מענטשן צו באזוכען קרובים אין שפיטאל, ל״ע.

״פארוואס זאלסטו עס נישט צינדען אויפן צווייטן זייט פונעם גאס? דעמאלט וועט קענען דיין ווייב זען דעם לעכט פון אירע פענסטער אין שפיטאל אויבן.״ האט דער גוי געזאגט צו ר׳ חיים. ״איך האב א פראבלעם אבער...״ האט ר׳ חיים געזאגט, ״ווייל היינט נאכט איז שבת, און נאך שבת פאנגט זיך אן קען איך שוין נישט ריקן די מנורה, און עס איז דאך א טייערע זאך, א זילבענע כלי!״

״זארגט אייך נישט ראביי!״ האט דער שומר געזאגט, ״איך גיי מאכן זיכער אז קיינער וועט נישט באגנבענען דיינע לעכט.״ ר׳ חיים האט נישט געוואלט מאכן קיין חילול השם מיט דעם גוי. דערפאר האט ער מסכים געווען און ער איז טאקע אריבערגעגאנגען דעם גאס.

א פלאדיגע זאך איז דעמאלט געשען. ווען ער איז געגאנגען צינדען די לעכט, זענען צוביסלעך צוזאמען געקומען נאך מער מענטשן און אפילו פרומע אידן אויך צו זען דעם צינדען, וואס ר׳ חיים האט געצינדען מיט מסירות נפש אין דעם ניו יארק ווינטער קעלט אויף א פרעמדע גאס! עס זעט אויס אז אסאך מענטשן זענען געווארן געוואר וועגן דעם צינדען. אסאך היימישע מענטשן וואס זייערע קרובים זענען נעבאך אויך געווען אין אנדערע שפיטעלער אין דעם געגענט האבן אויך געהערט דערפון און זיי האבן געוואלט עס זען.

נאכן צינדען, האבן די אידן געזינגען חנוכה זמירות צוזאמען. און נאכדעם האבן זיי אנגעפאנגען צו זינגען שבת זמירות אויך (ווייל עס איז געווען פרייטאג צונאכטס.) די שיינע קולות זענען געווארן שטערקער און שטערקער ביז די אידן האבן אנגעפאנגען צו טאנצען ארום די מנורה. סוף כל סוף ווען עס איז געווארן שפעט, איז יעדער איינער אוועקגעגאנגען, וואונטשענדיג ׳גוט שבת׳ און ׳א פרייליכען חנוכה.׳ ווען ר׳ חיים האט געענדיגט, האט ער געזען אז דער גויאישער שומר איז נאכאלץ געשטאנען דארט. עס איז לאנגע געווען די צייט פאר דער גוי אהיימצוגיין, אבער וויבאלד אז ער האט צוגעזאגט ר׳ חיים אז ער וועט היטן די מנורה, איז ער געבליבן דארט מקיים צו זיין זיין הבטחה. דער גוי האט טאקע געווארט ביז די לעכט האבן אויסגעברענט און דאן האט ער עס אוועקגעלייגט אין א שטוב אין דעם שפיטאל.

דער מעשה ווייזט ווי איין איד האט זיך שטאלצירט מיט די מצוה פון חנוכה לעכט, און ער האט נישט מורא געהאט צו מקיים זיין די מצוה צווישן גוים. דאס איז בעצם איינע פון די הויפט ענינים פון חנוכה, ד״ה וואס ווערט געברענגט אנפאנג שלחן ערוך ״ולא יתבייש מפני בני אדם המלעיגים עליו בעבודת הש״י.״ א איד טאר זיך קיינמאל נישט שעמען צו מקיים זיין מצוות, בפרט ווען מען לעבט אין א גויאישע מדינה. די ״מתייוונים״ אין די צייט פון דער חנוכה נס האבן נישט געוואלט זיין ״אנדערש״ ווי די גוים, וועגן דעם האבן זיי זיך אסימילירט צווישען די גוים רח״ל. דורך שטאלצירן זיך מיט פירן זיך אויף ווי א איד אייביג איבעראל וואו מען איז, קען מען ווייזן אז מען איז שייך צו דעם נצחיותדיגע עם ישראל. **גוט שבת אלע אידן.**

# א פרייליכען חנוכה אלע אידן

נתרם לרפו״ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים.

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 362-3234 (845)**

**דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: ״ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל...״ (פר׳ תרומה קלא:)**